STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07306

LETSTE LIDER

Mattes Deitch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַטעס דייטש

✶

לעצטע לידער

מאַטעס דייטש

לעצטע לידער

געשריבענע אין די יאָרן 1959—1966

פאַרלאַג „המנורה", תל-אביב

תשכ"ז — 1966

MATES DEITCH

POEMS

מאַטעס דייטש / לעצטע לידער

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל

„Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St.,
Tel Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1966

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

ווי ווערסטו ווינען ?

אַווּ ווּעסטו ווּינען, גאָט?

גאָט, האָסט אין גאַנצער גרויסקייט דיינער
זיך אַריינגעקליבן טיף אין מיר אַריין;
דער הימל איז דיר קליין געוואָרן,
דער יידישער חורבן — צו גרויס;
בין איך פאַר דיר געוואָרן דיין הויז.

גאָט, גאָט, אַווּ ווּעסטו ווּינען, ווּ, גאָט,
ווען איך, מאָטעס, וועל זיך פאַרנעמען שטאַרבן?
ווער וועט דיין חלק אין מיר אַרבן?
וואָס וועט ווערן פון מיין שורהדיקן כל טוב?
וועט עס מיטגיין אין דער טיף מיט מיר?
צי וועט עס צוריק אַרויס, אַוועק אויף געשטרעק?
אָ, דו אייביק־דאַיקער, איך שלים־צו די ספקות־טיר —
זאָל אַלץ צוריקבלייבן אין מיר ווי עס איז, אָן עק!

אָ, וועלט, גאָרניט האַלט זיך שוין אין מיר
אַזוי לאַנג, אַזוי אַמתדיק שטאַרק קאָנקרעט
— ווי, דו, גאָט, און דער מאוימדיקער יידישער חורבן —
ביידע זייט איר געגוג, פאַרפולפעסטיקט אין מיר,
מער ווי מענטש קען פאַרנעמען טויטם גרויליקע זעט...

צייט, לעבן — פאָעט

לעבן איז תמיד דאָ,
ווייל צייט באַשאַפט עס.
מענטש לעבט בלויז אַ שעה,
די גרוים — אַן אַרבעס.

דער מענטש איז עפּעס און ווערט ניט.
צייט איז גאָרניט און בלייבט.
ס׳ווערט מענטש צו זיין ניט מיד;
די צייט זיין חכמה פאַרשרייבט.

זי רימט אים שטאַרק דעם גרויסן יחסן
וואָס געווען איז, געדרוישט אינעם איצט,
אינעם פריער און אין זיינע לעצטע פאַרסן;
כאָטש זי אַליין ז׳גאָר ניטאָ, נאָר שטיצט

זיך בלויז מיטן מאָדוס זיין-אין-זיין.
דער מענטש מיט זיך איז איינציק גורם
דאָס אַלבאַשאַף פון מיין-און-זיין — ז׳מיין!
פאַרגרייזט, פאַרקרייזט אין אַן אוי-רעם...

מענטש, וואָס איז דאָך דער אַלפאַרפילטער א י ז,
ווערט גלייך ווי צייט מאַרכלאָז און חומרלאָז
ער רינט אַריין אין טייך פון־נישט ביים ערשטן בים
און זי, די צייט, ווי הויל זי איז, ווערט קיינמאָל אוים.

דער מענטש, כאָטש רק ער טוט (דער עולם־טוער)
צערינט ווי אין יולי אַ רעגנמיראַזש אין לופטן.
פּאָעט — חלל געוועלבטער פאַרבלויט; אָט־זעט ווי אַזוי ער
פאַרבויט, פאַרמאַמעוועט צייט מיט זיין ליד פאַרגופטן!

די פּאַפּירענע בריק

אונדזער פּאַפּירענע בריק
איז שטאַרקער פון אייזן.
ס׳איז זייער גרינג צו באַווייזן —
זי הענגט ניט אויף שטריק;
זי איז ניט געקאָוועט מיט טשוועקעס;
זי לאָזט ניט צו קיין שרייפּע שנעקעס.

פּאָעטן האָבן איר געמוחט מיט ווייטער פּאַנטאַזיע,
פון איירעפּע, אַמעריקע, ביז דער וויג פון אַזיע.
מיר גייען איבער איר שוין יאָרן לאַנג —
אין לעבן ווי אין טויט — מיט גרוים געזאַנג.
אַ פאָלק גייט אויף דער אומענדלעכער בריק
פאָרויס און פאַרויסער — אָן אַ צוריק.

ווי שטאַרק מען ברענט זי איטלעך מאָל,
איז גלייך ווי זי אַליין וואָלט פייער געוועזן;
דער סאַמער גס, וואָס פאַר זיך אַליין איז גס געשען.
הענגט זי איבערן קילסטן טאָל —
זי איז דאָס וואָרט און געדאַנק, סימבאָליש געווייסט;
אַזאַ איז די פּאַפּירענע בריק — אומענדלעכער גייסט — — —

רשע, צדיק — מענטש

דער רשע טוט אַלץ אויפֿן חשבון
פֿון זיין בידנער נשמה.
דער צדיק? —
ע ר טוט אויפֿן חשבון פֿון זיין גוף.
ס'לעבן מאַכט זיך אויף ווי אַ שירעם
פֿאַר אים אין סאַמע מבול־גאַס
עס העלפֿט ניט פֿרעגן: פֿאַר וואָס?!
רשע, צדיק — אַ שפּיצל! נאַטורס אַ רוף.

די נאַטור דערלייגט ניט צום מענטשן.
איינער שטאַרבט? אַ צווייטער ווערט געבאָרן;
זי גיט צום לעבן אַ נייעם מענטשן איבער;
גאָרניט ווערט זי אָן מיטן מענטשנס פֿאַרגיין.
פֿאַרלירן פֿאַרלירט טאַקע נאָר דער מענטש אַליין;
גייט איינער אַוועק, איז אוים מיט אים —
דער איינצעלער מענטש פֿאַרלירט, ער וועט פֿעלן
אַפֿילו ווען נאַטור זאָל אַ נייעם תיכּף צושטעלן — — — —

ווי זאַמען און ווי רויך

פאַר דב סדן

שוין צוואַנציק מאָל, אָן גוזמא, געשעפּטשעט ווי פרומע
מיין ליבלינג-ליד: אַבי דו ביי מיין זייט, דו, דו.
געתפילהט פאַר זיך, פאַר דיר, פאַר אַלע לייענער שטומע —
פלי אַרוים מיין ליד און ברענג אונדז רו, רו, גאַנצע רו.

כ׳בין געגאַן טריט ביי טריט איבערן ליד; געשטיגן,
געלאָפן, גאַלאָפּירט אוים ציטער ווי פאַר אַ וווּנדער;
זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדער אות, גראַם, יידישן ניגון —
זיך פאַרחידושט פון וואָרט, פערז, ביינאַנד און באַזונדער.

דער חידוש געווען איז אַ פאַרגאַפטער ביז גאָר:
האָב איך טאַקע דאָס ליד פאַרטראַכט? באַשאַפן פריר?
צי קען דען אַ מענטש אַליין באַשאַפן אַ ליד? פאַרוואָר
כ׳מוז אויך אַ גרויסער שותף זיין בפירוש אין מיר...

מילא, איך יאָק איך, כ׳האָב אַ צוויי-טראַפיקן נאָמען מאַטעס.
נאָר דער שותף, ווער איז ער? ווי איז ז י י ן נאָמען?
כ׳פיל זיך אַ קינד אין וויג; קוועל אָן פון פאַטאָס
וואָס איך פאַרנעם און דערזע; כ׳בין גאָלע זאָמען!

יאָ, דער זאָמען. אים געזייט האָט אַ זיכערע האַנט.
איך? גרייט בין צו פאַרשרייבן פונקט ווי זי האָט געהייסן:
דער שותף? פון זיין נאָמען האָב איך עפּעס געאַנט —
זיין צושטייער? פרעגט מיין פערז און קלאַנג, זיי ווייסן.

נו, קוק איך אויף זיי אויף דעם גאַנצן ליד,
און עס וואַרפט אין מיר דער חידוש קדחת הויך;
כ׳בין מיט שאלות פול ווי מיט טראַגיק ס׳פינטעלע ייד —
נאָך איין רגע, און איך ווער פאַרברענט, ווער רויך...

צוויי פּאָעטן און אַ דזשעט

(ביים אָפּשייד מיט איציק מאַנגער)

צוויי פּאָעטן לעבן אַ געפליגלטן פויגל
פון שטאָל;
דער אומעט אויףביידן פּאַלט אַראָפּ
מיטאַמאָל.

איינער וועט באַלד אינעם בויך אַריין
צי אין עק,
וואָס איז ווי אַ טאַנץ-זאַל די גרויס
און וועט אַוועק.

אוי, ס'איז שלעכט דעם איבערבלייבער, וויי!
ניט-גוט אַ גרויל.
זיין קאָפּ אויפן אַקסל פון יענעם, אַ טויטער פיש
מיט אַן אָפן מויל.

דער טאָג האָט זיין נאָמען פאַרלוירן, איז ער געל-בלוי,
אַ פלעשעלע סם...
ביידע פאַרקוילטע אין צער וואָס איז פלאַמיק זונרויט
ווי דעם פויגלס קאַם.

צוויי פּאָעטן לעבן אַ פויגל אַ שטאָלענער וווּנדער-דזשעט
גרייט צום פלי.
בלויז דער יידישער אומעט ביי ביידן שעפּטשעט פאַרשלאָפן
„מודה אני".

דער טאָג, אַ קינד אין פריער צייט, פון זיין שלאָף
נאָך ניט צעשיידט.
צוויי פּאָעטן, פאַרכליסנעט אין רעיונות, בלאָנדזשען אום
אין ניט-גערעדטע רייד.

צוויי פּאָעטן, איינער הייבט זיך אויף צום פירמאַמענט,
ער פאַרפליט.
דער צווייטער מיט זיין בליק צום דזשעט-וואָלקן אַ פאַרתמטער
צוגעשמידט...

אוי, אַ דיכטער איז ניט ווי אַ פויגל פון אַ בוים, פויגלדיק,
אָפּגעפלויגן.
ער האָט ס'האַרץ פון צווייטן, אין זיין הויכן וויכערפלי,
מיטגעצויגן...

אָט אַזאַ איז דאָס יידיש ליד

איך שרייב פאַר אַן אויסגעלייענטן דור,
ס׳איז אַ זכות, אַ דערהייבענער, פאַראַנען ;
דער זכות-יידיש, אויף אַלעמען אַזאַ יאָר —
כ׳לעב מיט איר ווי מיט אַן אַלטער מאַמען.

איך וואַש זי, איך נער זי ביז פאַרקלענט
ווערט איר צער, כ׳זאַמל איר חכמה, ווערטלדיק גראַם,
איך טראָג זי גרינג אויף מיינע הענט,
ווייל איך בין דער לעצטער העלד פון איר שטאַם.

כ׳לייג אַריין אין איר דעם גאַנצן ת ר י ״ ג.
אָנגעשטאָפּט ווערט מיט אים איין געבאָט : כיבוד-יידיש.
כ׳וועל נאָך אַ מאָל צום גרעסטן ביכער-פאַרלאַג,
אָפּשיקן דאָס געזאַמלטע מאַמעשי-ווערק און פאַרן חידוש

ווען זיך פאַררוּיטלען די טשערעדעס פון יעקבס קינדער,
אָט-די וואָס ווייסן פון איר אומגליק-פינאַל...
נאָר קענען נעבעך ניט לייענען דעם אָריגינאַל —
זיי זיינען געגליכן צו שטומע, מעקעדיקע רינדער.

אָ ים ! זיי וועלן נאָך אַמאָל שילטן „פאָפּס און מאַם״
וואָס האָבן לייכטיידישדיק זיי פאַרפרעמדט פון דעם שטאַם.
איך שרייב פאַר אַן אָפּגעלייענטן דור, דאָר און קוואַר,
כאָטש זיין יידיש-ליד וועט תמיד זיין מיראַקולאַר — — —

ליד

ליד, וויפל פּאָעטן די וועלט
האָט שוין געהאַט ביי זיך —
און דאָס מ י ן ל י ד האָבן זיי
נאָך ניט באַוויזן אָנצושרייבן —
אַלע זענען געבליבן ליד־ניטגעזעטיקט.

מערן זיך דערפאַר פּאָעטן מיט יעדן יאָר
און דאָס ליד־ל י ד וואַרט נאָך אַלץ
דער פּאָעט זאָל עס ענדלעך אָנשרייבן
און ניט בלויז שרייען: ליד, גאָט, ליד!
צי איז עס שגעון? פּאָעט — מטורף?

אָ, ליד, ליד, פּלאָנעט ווייטער!
וואָס טויג דיר זיין נע־ונד?
אַרומבלאָנקען פון דור צו דור אומגעזעטיקט?
לייז זיך אויף; אַנטפּלעק זיך שוין פול,
פאַרפיר ניט קיינעם צו ווערן פּאָעט.

אָ, ליד, דער פּאָעט זוכט דיך אַרום, ליד,
אַנטלויף ניט מער, בלייב ניט פאַרבאָרגן.
פאַל אַראָפּ צו אים אין שוים גיך־גיכער —
ער וועט דיך אין זיינע ווייען געבערן.
וואַרט ניט אויף כולו־וועו־ליבער צי כולו־גראָם!

אַ ליד מיט 22 פּרעגצייכנס

אויף וואָס האַלט זיך אַ ליד?
אויף מחשבה? ריטעם? תּוכן?
אויף פאַנטאַזיע־פליגל קיין מאָל מיד?
אויף וואָס האַלט זיך אַ ליד?
אויף מוזיק פון ווערטער צו הויכן?
ווערטער? זיי זענען שוין דאָס לעצטבאַריר;
ווו הייבט זיך עס אָן? פון וואַנען דער כאַראַל?
פון האַרץ? נשמה? מוח? געמיט־איבערפאַל?
אויף אַלץ דעם, נאָר מערער אויף יצירה־באַריר.

אויף וואָס האַלט זיך אַ ליד?
אויף מענטש? וועלט? צי אויפן ציטער
פון אַ בענקשאַפטביים פּאָעט, דעם ייד,
וואָס שורשט אין אברהם, יצחק, יעקבֿס גיטער?
אויף אַלערליי געבורטן און געמיטער
פונעם יחיד, מאַסן, קלאַסן — פאָלקס־צוזאַמען?
אויף וואָס האַלט זיך אַ ליד?
אויפן ליכט פון אַלעמענס לעבנס־פלאַמען?
אויפן דיכטערס לשון און געשניצטע גראַמען?

יאָ. דאָס ליד האַלט זיך אויף ליד;
אויפן פּאָעטישן חי־פּיראַמיד — — — —

ביכער־פאָלק

אַ ספרים-אַלמערל

געווען אַ ייִד, אַ פּשוטער חי וקים.
האָט ער געמאַכט אַ ספרים-אַלמערל;
אברהם-יידל האָט ער געהייסן.
נאָר ער איז פּלוצעם געשטאָרבן.
אָבער נאָך פאַרן שטאַרבן זיינעם
האָט ער אַריינגעשטעלט אינעם אַלמערל
גאַנץ פּרץ, שלום עליכם און רייזענס ווערק.
שטייט דאָס אַלמערל און קוועלט; עס לעבט!

אברהם-יידל איז ניט געשטאָרבן,
אַזוי באַווייזט דאָס אַלמערל פאַר אונדז,
וואָס ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך.
לערנען מענטשן פון אַלמערל אַ קלוג וואָרט:
מה דאָך אַן אַלמערל האַלט אַן דאָס געדעכעניש
פון אַ מענטש, אַ פּשיטאַ ספרים און ביכער?
שטייען די ווערק פון געשטאָרבענע שרייבערס
און קוועלן מיט אַ פריידיק, צווייטיק לעבן.

דאָס אַלמערל שיינט מיט נעמען: קאָראַלניק,
יהואש, זשיטלאָווסקי, מאַני לייב, לייוויק;
אַ תנ״ך און דובנאָוו; צינבערג און ביאַליק.
אַ שרייבער-פאָלק וואָס ניטאָ שוין, נאָר ס'לעבט!

געווען אַ מאָל אַ ייִד, אַ פּשוטער חי וקים,
האָט ער געמאַכט אַ ספרים-אַלמערל;
אברהם-יידל האָט ער געהייסן דער מענטש.
דאָס אַלץ איז דאָך גאָר פּראָסט און פּשוט
פֿאַר מיר, פֿאַר דיר, פֿאַר אַ סך פֿון אונדז.
ניטאָ דער מענטש וואָס איז געוואָרן אוים.
דאָס פּראָסט און פּשוט איז גאָרניט אַזוי פּראָסט;
ווען מע שטעלט זיך קעגן אַלמערל.

אדרבא, ווען איר כאַפּט אַ קוק
אויפֿן פ אַ ר א י כ י ק ט ן ספרים-אַלמערל
וועט איר זעען — עס לעבט!
ניטאָ קיין טויטע, אַלע וואַכן אויף — — —

גראַם, חלום, גאָט

גאָט, ביסט צו מיר געקומען, גאָט,
ביים ערשטן וואָרט פון אָנהייב שורה.
אַזוי איז גאָט. אַזוי איז גאָט.
פאַר וואָס אָבער איז גלייך מיט דיר
אויך דער גרינגער גראַם געקומען
אין צעפראַלטן הילוך — שיכור־לוט?
אַזוי איז גראַם. אַזוי איז גאָט.

איך האָב געחלומט פון דניאלן, פון נחן,
פון עקדות אַלערליי, נאָר אַז אין טרוים
גערעדט האָב איך כינעזיש — קיין מאָל ניט...
אַ חלום איז אַ מינע — אַ פאַרבאָרגן דערוואַכן.
אַזוי איז חלום. אַזוי איז גאָט.

ווי אַזוי קומסטו צו מיר, ליד?
כ׳קום ווי ליד — גראַם — חלום — גאָט.

אַ ייִד לייענט

אַ ייִד לייענט אַ בוך לידער
און פּליסטערט מיט די דינע ליפּן,
ווי ער וואָלט מיט אַלע גלידער
פאַרטאָן געווען אין זאָגן תהילים —
קיין אות וואָגט ער ניט איבערהיפּן.

דעם תהילים האָט ער אויך ניט פאַרשטאַנען
און דאָך געזאָגט, ניט חלילה בלויז געלייענט גלאַט.
יאָ. אין לייענען איז אויך אַזוינס פאַראַנען
וואָס אַריינוואַקסן דאַרף מען זיך מיט אויג,
מיט האַרץ, ביז מע ווערט איינס מיטן דיכטערס בלאַט.

וואָס איז גרינגער, וויינען צי לאַכן?

(לזכרון א. אלמי)

אַ יידיש-שרייבער האָט אַנוסטן זיך באַקלאָגט,
ער האָט בפרהסיא און בפירוש אַזוי נאָך געזאָגט:

מיינע געדאַנקען וואָס שלאָפן שוין לאַנג אויף בלעטלעך,
זיינען ניט גאַנץ זיכער מיט זייער לעבן אין די „בעטלעך",

אויף וועלכע זיי ליגן געלקראַנק, צעפּרעסן פון מאָיל.
זיי ווערן לחלוטין פאַרגעסן, צעטראָטן פון צייטס זויל.

ער האָט געדענקט גאָר אַז זיי זיינען געווים אומשטערבלעך —
לעכער פון בייגל וואָס קיינער עסט ניט; בוכשטעבלעך

אַזוי האָט ער געמיינט מיט זיינע געוויינען איבער זיי,
נאָר וועדליק מ'גיט מיטן רעדל פון טראַכטן אַן אַנדער דריי,

ווי כדומה למשל: וואָס איז טאַקע אַ בלעטל מיט געדאַנקען
מערער מיוחס ווי די שרייבערישע האַנט? ווי דאָס צאַנקען

פון זיין הארץ? מוח? אויגן? פּים? — דער גאַנצער ז י ך
וואָס איז אין שטענדיקן קאָנפליקט מיט זיין ר' א י ך?

אויך ער ווערט דאָך געלקראַנק, צעקנייטשט און היפּש מיאוס —
אַ קאַנדידאַט פאַר דער אומפאַרמיידלעכקייט אַרטעריאָסקלעראָזיס!

דאָך, זיין שרייבערשער ערדישקייט איז נאָכן ווערן צעפאַלן,
אָנגעצייכנט באַשערט די צווייטע עקזיסטענץ. ער איז אַ בעלן,

אין זיין פאַרגלייבטער געזיכערטקייט מיט יענערוועלט-אייביקייט,
אויף זיין אָפּגעבלעטערטע וועלט מיט געדאַנקען-טויביקייט

פאַראַלמאַליקן לעולם ועד. ניט פאַר זיך חלילה, נאָר פאַר —
דער אָרעמער, שטערבלעכער מענטשהייט נעבעך, ווי אַ שכר

וואָס קאָן נאָך איבערבלייבן (ווידער אַ מאָל, חלילה,)
אָן די דאָזיקע געדאַנקען זיינע, די הייסע און קילע.

געוואַלד, שרייט עס דעריבער אין זיין אינגעווייד
דער טיפער און געדרייטער. ס'פאָדערט פון אים אַ באַשייד.

דער באַשייד איז אַזאַ... ער זאָגט אים ניט אויס,
כאָטש ער שפּרינגט פאַר אַלע ווי אין שטייגל אַ מויז...

ט'וועט זיין ווי אָן על-חטא מיט אַלע די־פּילבאַשריבענע
בלעטלעך: געל וועלן זיי זיך געלן אין נחת, די געבליבענע,

און וועלן אפילו ניט געבן קיין שאָס און קיין נאָס
פאַר דיין געביין, וואָס האָט געקרעכצט מיט פאַרדראָס.

בשעת דו האָסט קראַפּירט מיט דיין לעבן פאַר זייערס,
האָבן זיי זיך רואיק געגעלט, געפּרוכנעט. לכל הדעות

האָבן זיי געלעבט אין זכות פון דיינע יללות אין דיר.
טאָ וואָס זאָל זיי גרינגערן? וויינען צי לאַכן אָן שיעור?

ווײַיס ס׳איז ניטאָ ביי אונדז אזאַ ליטעראַטור-אסמכתא
וואָס קען גיבן זיי די גאַראַנטי. טו אַ טראַכט דאָ.

געוויין זיך צו מיט באַרוטער זאַטקייט צו דער הסתפקות
און צי ניט אַרוים פאַר זיך קיין באַזונדערע שטאָפּקעס...

און איצט, זיי מוחל, גיב אַ לייכטן בים דיין קאָמערטאָן,
אפשר וועט פון דעם אויך ביי דיר ווערן אָן עכטער פעליעטאָן.

צום סוף, אָן עצה טובה: פאַר וואָס ניט אויף שטאָלפּלאַטן גראַווירן
גלייך פון מוח די געדאַנקען? קענסט מיט דעם זיי אייביקס קאַווירן.

גראַמען...

דער גראַם אין יידיש
איז ווי יעדער חידוש —
ראַפּטעם קומט ער און גרינג;
אַן עלעקטרישער קלינג.

ער וואַלגערט זיך ווי ציגאַרעט-טייגלעך,
מע דאַרף נאָר זיין עלאַסטיש-בייגלעך
אים אויפקלייבן און דין אים אויסרייבן
אויף דער דלאָניע — אַזוי איז דאָס שרייבן

גראַמען; זיי גופא זיינען ניט די שטאַמען
פונעם ליד, נייערט זייגעוודיקע אַמען
וואָס עופּעלעך האָבן זייער ליב.
און ווערן קיילעכדיק ווי אַ ריב.

נאָר אָך-און-סטראָך! דער דיכטער וואָס פּאָרט
מיט זיין ליד, פּיף-פּאַף, עקסטרעם געפּאָרט,
דענקט, אַז ער אַליין נאָר איז כולו טרייבער —
זיינס איז דאָס ליד פון היינטצייטיקן שרייבער!

נאָר ווי נעבעך וויי צום ליד מיט אים צוזאַמען,
ווען ער יאָגט זיך נאָך, נאָכן פלעמלדיקן אוצר — גראַמען.
ער וועט עס קיין מאָל ניט כאַפּן; ניט איצט ווי אַנוסטן;
פאַרקערט, דאָס שרייבן וועט ביי אים קייכן און הוסטן...

גראַמען, פאַרשטייט עץ מיך, איז ניט ווי נדן
וואָס איין צד זאָגט: כך וכך (ווי אויף פאַראַדן
צו די גלייביקע בירגער בעת פּאָליטישע וואַלן)
און נאָכער ווי ווינט ווערט אַלץ צעפאַלן...

דעריבער פּאָעטן, יאָגט זיך ניט נאָך גראַמען אַליין.
זאָלן זיי נאָך אייך זיך יאָגן, דאַן וועט ליד עכט־שיין
ווערן געענדיקט און ניט לאָזן ביי אייך קיין ייתור...
באמת, עס וועלן זיך פרייען מיט דעם אַלע געמיטער!

געדענקט, זייט ניט קיין פּאָעט אין קאַרגן פּעטיט —
שרייבט בעסער גוטע פּראָזע און האָט אַ יונגן אַפּעטיט!
עסט, טרינקט — אוודאי, טרינקען מערער ווי איר עסט —
דאַן וועט די ליטעראַטור אייך ווינטשן אַל־דאָס־בעסטע...

מוח מיין

איך קום דיר אַ גרויסן לויב, מוח מיין,
ווייסט ווי צוצוגיין צו אַ בוך, אַ ליד;
ווו אַריינצוגיין, ווען אַרויסצוגיין אַ ייד.
דיינע בקיאות — שטאַכעטן, חוקים־גדרים
ווייסן ווו אָוועקשטעלן דעם יאָ־און־ניין;
גיסט ראַפּטעם אַ שנייד אָפּ — עד כאן!

פאַרקערט? איז עפּעס תוכיק יאָ פאַראַן,
צעשיקסטו דיין קול־מבשר־שטאַפעטן.
פאַרקלעקסט, פאַרמעקסט בלויז נישטיקייטן
און פאַרבלענדסט שלאַבעריקע מיט יענע געהיימע
וואָס לאָזן זיך צען־גאַרנדיק שטאַרק בעטן.

אָ מוח מיין! גיסט אַ שאַר אַוועק די־און־די
וואָס פלאָדען זיך גרינג — מאָדן אויפן פליישיקן פלאָדן.
מוח, דיך וועל איך אייביקן דאָס הייליקסטע פון הייליקן
דערפאַר וואָס דו טראָגסט ווערטער־יחסנים מיט געדאַנק געלאָדן
וואָרעם נאָר אַזוי איז דיין מאָדום אָפּערענדי!

חסידים

פייגעלעך זיינען ווי חסידים,
זיי עסן צוזאַמען, זינגען צוזאַמען
און פליען איבער דער ערד צוזאַמען.

פּאָעטן זיינען ווי פייגעלעך,
ווי פייגעלעך און חסידים
עס ציט זיי אין שטראָם צוזאַמען.

געזעץ איז געווען נאָך איידער
גאָט האָט געזאָגט: יהי אור.
דער ערשטער איז גאָט געגאַנגען אין חדר.

פייגעלעך זעצן זיך אויף די מצבות
און פּראַווען תאוות-הבורא אין מיטן
פון טויט-שטילן בית-הקברות.

אָ, ווי וואָלט די וועלט אויסגעזען
אָן פייגעלעך, אָן חסידים און אָן פּאָעטן?
געווען וואָלט די וועלט אָן ליפּן, אָן צווישער.

פּאָעטן קלייבן אותיות יידישע ווי פייגעלעך,
פּיקן קערנער — אַ פּיק און אַ צוויטש!
אַזוי זיינען פייגעלעך, חסידים און פּאָעטן.

פייגעלעך, חסידים און פּאָעטן
ויעלן שטענדיקן אין דער וועלט —
אייביקייט פאַרנעמט ניט קיין פּלאַץ...

בעסער און גרעסער

איינער קען מאַכן אַ רעגן,
דער צווייטער — פאַרטראַכטן אַ ליד.
איינער קען אויסזוכן וועגן,
דער צווייטער — נישטערן אַ פּיראַמיד.

איינער צילט אָנצוקלייבן אַ פאַרמעגן,
אַ צווייטער — פאַרטראַכטן אַ ליד.
איינער זוכט גאָלד אויף פרעמדע וועגן
דער צווייטער — אין בוך שפּינט זיין געמיט.

וועמען איז בעסער?
האַמלעטן צו טביהן?
ווער איז גרעסער?
שלום עליכם צי שעקספּיר?

ס'איז זיי ביידן גוט-גיטיק:
נאָר אונדז איז גאָר בעסער —
מיר קאָנען נאָך עסן מיטיק...

מיטן פנים אַנטקעגן מיין יידיש ביכער־פאָלק

ר׳ לוי יצחק שטייט פאַרן עמוד
מיט די הענט זיך אָנהאַלטנדיק
ביי ביידע זייטן פון דער עטרה.
ער טענהט פאַרן יידנפאָלק צו גאָט.

כ׳שטיי פאַרלאָרן מיטן פנים אַנטקעגן יידיש ביכער־פאָלק,
וואָס רוט אויף מיינע פאָליצעס אין כל המינים בענד.
כ׳בין אַליין. עס שלאָגט פחד פון זייער פילקייט.
כ׳שטום קעגן זייער אומצאָליקער המונישקייט.

כ׳בין פאַרזיגלט מיט מיין עלנד. מיין דערשלאָגנקייט —
אַן איינציקער פאַרלאָרענער, אַ לעצטער האָמונקולוס,
וואָס כפלט ניט זיין המשך און ניט זיינע יורשים.
אַן אַליינער ווי קיינער פאַר מיר.

לוי יצחק שטייט מאַיעסטעטיש פאַרן עמוד,
ער גיט אַ טופע מיט זיין פיס. צו די הייכן
איז זיין יידישער קאָפּ דערהויבן שטאָלץ.
ער איז גאַנץ זיכער ביי זיך; אַ תקיף!
ער האָט אַ גערעכטע טענה צו די הימלען,
אַ צאַפּלדיקע, אָקאָרשט פון טרעבלינקע־מיידאַנעק אַרויס.

אַן אייביקער כוח פילט ער איז פאַר אים,
און אַן אייביק יידן־פאָלק הינטער אים.

אַ, ביכער מיינע, ביכער, כ'בין פאַרשעמט און צעוויטיקט
קעגן אייך — אַ שטומער אַליינער ווי אַ קיינס-קיינער.
אָן אייביקער כוח פיל איך איז דאָ פאַר מיר.
הינטער מיר? אפילו ניט דער לעצטער שבלעצטער!
זיי מיר מוחל, דו, מיין אויפגעשטאַנען, מאַכטיק ביכער-פאָלק!

ר' לוי יצחק שטייט פאַרן עמוד
מיט די הענט זיך אָנהאַלטנדיק
ביי ביידע זייטן פון דער עטרה.
ער איינער טענהט פאַרן יידנפאָלק צו גאָט.

איך שטיי הכנעהדיק פאַר מיין ביכערפאָלק —
אָן אַליינער ווי אַ קיינס-קיינער פאַר מיר.

הימלען! דער מינצטער שבמינצטער
טרויערט שטומשטיל אַרויף צו אייך —
ס'איז ניט די וואָר אַזוי, ווי דער עלנט איז פאַנטאַסטיש!
מיין ביכערפאָלק בלייבט פאַרטייעט אין זיכיקער טיפקייט;
עס ווייסט, ס'איז פול מיט יחוסדיקע, דיכטערישע דינאַסטיעס!

צו זיך

ניט איין מאָל פאַרגעסן בלייבט מיין איך
אין רויש, אין שטאָטישן טומל, אין מוזיי,
דאָרט וווּ מיין איך ווערט בטל גיך,
הערנדיק אַפילו סימפאָניעס, צי ווען איך שטיי
אין טויזנדיקן רעמער בעת די זון צערינט
קאָלירפול אין מיראַזשן ברענענדיק געשווינד.

כ׳בין ניט הי, ניט ערדיש. כ׳בין אַ־ניט,
אַ ווייכער שטאָף וואָס לאָזט זיך קנעטן,
ציען, פלעכטן, קלעפּן ווי אַ קיט.
עס שטראָמט און כאַפּט מיך אָן אומגערעדטן
די גאַס, געבראַזג, דאָס גירע קולטור־עשירות —
כ׳לויף אַוועק צו זיך־שטילקייט, באַריר עס.
איך בלייב מיט מיין זיך, בלויז ער זאָל מיך שטאַרקן
אין זיין יחידות וואָס איז גאָלע מיינס אַליין,
מיין אייגנס, מיין אַלץ — אַבי ניט ווערן אוים.

אַבי דו ביי מיין זייט

דיך אַרט ניט, בורא, ווו דו וווינסט:
קאָנסט וווינען אין אַ בוים, אין אַ בין,
אין גראַנד קעניאָן. דו שטוינסט
פון אַלץ אַרוים מיט נאַכט און באַגין.

דיר איז אַלץ איינס צי אין שלאַנג,
צי אין לאַם — דאָס מילדע כשרע רינד.
וווינסט אין גזלנס בלוטיקן פאַרלאַנג,
וווינסט אין צדיקס וויי־און־ווינד.

אַ בורא, דו קאָנסט שלווהדיק וווינען
אין וואָרעם וואָס טיפּט אין דער ערד,
צי גאָר אין יענע פאַרשווינען
וואָס וואָרצלען אונטער גראָזיקע בערד.

אָ טאַטע בורא, ווו איך זאָל געפינען זיך —
אַריין צי אַרוים אינעם מלכות דיין —
מעג עס זיין וואָס עס דאַרף מיט מיין איך —
אַבי דו ביי מיין זייט זאָלסט מיר זיין...

דאס קליינע ליד

דאָס קליינע ליד

כ׳האָב ליב באַקומען דאָס קליינע ליד
מיטן קורצן פערז און ספּאָנטאַנעם גראַם.
ס׳איז ווי אַ שטאַם, אַן איינציקער ידיד.
פּלוס כל טוב און אויך מיט פּלאַם.

די דיכטער, מערער נאָך, האָב איך ליב
פון אָט-דעם-אָ איינגעהאַלטן, קלוגן שרייב.
ס׳גליט אין אים, סלח לי, וואָרט — פּאַרגיב,
ווען ווערטער מעלדן זיך ביים איבערקלייב.

ליד ווי קלאַנג — איינזילביקע ברידער,
אפילו ווען געשטעלט אין פּראָזאַישן ראַנג,
בלייבן זיי פּאָרט די הויפּטגלידער —
האַרץ-און לונג, מיט אייגענעם ריטעם-גאַנג.

ליד ווי פאַרב — אַ פּינטל אַריינגעטונקט
אין באַשטימטן אָרט אין שטח אַריין,
דיקטירט פון א י ם, וואָס זיך צעפּונקט
נאָך אין בראשית: יהי אור! שײַן!

איין זילביק וואָרט

ער האָט געוואָלט זיך איבערצייגן אין אַ וועט,
אויב איינאיינציקן טאָג ז'מעגלעך אויסקומען
און ניט דערמאָנען דאָס וואָרט — גאָט
ווען ער וועט האָבן מיט מענטשן גערעדט.

האָט ער געפּלאָפּלט אָנגעשטרענגט וואָך מיט זיין מוח
ווי איינער וואָס היט זיך נ י ט ר ע ד ן מיט די הענט ;
צום סוף פון טאָג ווי אַן אייזל אַן אויסגעשעפּטער,
אָוועקפאַלן און אויסגעקרעכצט שטיל, כאָטש הויך

האָט עס אָפּגעהילכט : „גאָט, איך קען ניט מער !
ניטאָ אין מיר אַזוי פיל כוח שוין דערפאַר
זיך הרגענען מיט אַן איינציק, זילביק וואָרט".
די עקשנות אין אים האָט זיך צעבראָכן טרער אויף טרער.

צום שטערן מאַרס

איך קוק אַרויף צום שטערן, דעם רויטן מאַרס
און ער שיקט מיר אַראָפּ צוריק אַ מחשבה:
ס'האָט געקוקט צו מיר אַ יידיש יינגעלע אַ דאַרס
אויף זיין לעצטן וועג צו ווערן אַ בלאָווע
שורה רויך דורכן קוימען פון גאַזקאַמער —
ס'טוט מיר אַ זעץ אין קאָפּ מיט אַ האַמער.

אַ דו מאַרס, דו בלוטיקער, דו רויטער שטערן,
זאָג מיר, וואָס האָט דאָס יינגעלע געטראַכט:
צי גאָט קען נאָך אַ קינדערש געוויין דערהערן?
ניין. דאָס יינגעלע ווי אַ שעפעלע פון פאַכט
האָט געזוכט זיין פאַסטעכל זאָל אים דערנערן —
אַ זעץ אין מוח געוועזן וואָלט מיר גערן.

אַלץ — נאָר ניט פּאָעזיע

אַלץ וויל רעדן, מוז רעדן
און רעדט טאַקע; איטלעכס אויף זיין לשון.
ניטאָ קיין שווייגנדיקע זאַכן, שווייגנדיק לעבן
אויף דער ערד, אויף דער וועלט,
צווישן די שטערן־רעטענישן —
אַלץ רעדט, רעדט צום איינציקן, צום מענטש.
בלויז פּאָעזיע טאָר ניט רעדן;
אויב זי איז באמתדיק דאָ
איז זי אַ י ש פון אומגערעדט — — —

יידיש ליד

וועמען וועט באַשערט זיין אָנשרייבן ס׳לעצטע בוך?
אָנשרייבן, אין יידיש, דאָס לעצטע בוך?
צי גאָר, חלילה, דאָס לעצטע, שיינע ליד?
אַ בוך? אַ בוך ווי אַ בוך — דער חידוש
וועט בלייבן וואָס אונדזער ליד קאָן קיין מאָל
ניט זיין דאָס לעצטע. ווייל... יידיש
לעבט־לעבן וואָס שמעלצט רק נייע קלינגערס
צום זינגען עכט מיט יונג־אַלטע זינגערס.

װען...

אונדזער ליד, אונדזער ליד פּעלט מזל!
װען דער לייענער זאָל לייענען
אונדזער ליד װי איך דעם תנ"ך,
װאָל איך פון אים דערװאַרט אַ סך:
עס װאָלט אין אים טיף געדייענען
װאָס מען רופט: קערן-װאָרט, עברי-טייטש;
ס'לעבן איז אַן עדות, יידיש-חידוש
איז ביי אים שוין רעכט שטיפגלידיש...

ער און זיין ציגאַר

אים האָט נאָך דאָס יידישע טעאַטער
דערהאַלטן ביים סקאַרבאָוון פאָלקס-לשון;
די יוניאָן — קעמפנדיק פאַר זיין גראָשן
אבי ער זאָל ווערן אַ מענטש אַ זאַטער.
איצט איז ער אַזוי ווייט פון דעם
כאָטש ער געדענקט דעם מיזערנעם קלעם:
דעם שאַפּ-געראַנגל מיטן מויל ווי אַ קראַטער.
ער רויכערט זאַט. דער אַ מ אָ ל צופּט זיין ברעם — — — —

חרטה...

די בעסטע ביקס קען ניט חרטה האָבן —
ניט פאַרן שיסן, ניט נאָכן שיסן.
דער מענטש? יאָ. ער קען חרטה האָבן,
נאָר ניט די ביקס. שיס ניט אויף דיין ברודער.

די בעסטע ביקס קען ניט חרטה האָבן —
דער ערגסטער גזלן קאָן חרטה האָבן,
נאָר ניט די ביקס. זי איז אין זיין האַנט.
טאָ זאָל ער שיסן גלייך אין דער חרטה אריין — — — —

אייביקייט

נעם אויף מיין געדאַנק,
ייד פון דער צוקונפט,
כ׳רייד צו דיר דורכגעלעבטע רייד:
שרעק זיך נים פאַרן טויט,
מיר זענען געשטאָרבן פאַר דיר אין די מיליאָנען!
ריר אָקערשט אָן מיט דיינע פינגער די אותיות,
און דו וועסט דערפילן די לעבנסבריק אונדזערע,
איבער וועלכער יידישע דורות גייען איינע צו די אַנדערע
דורך פאַרשטאַנד, דורך מחשבה און פאַרשטאַנד;
האַלט זיך אָן אין פאַרשטאַנד — ס׳איז די אייביקייט...

קידוש־השם

יעדער פאָלק האָט זיך זיין געאָגראַפישע מאַפּע
ווי סע פירט זיך אונטן אויף דער ערד.
קידוש־השם איז אונדזער יידישע געאָגראַפישע מאַפּע —
זי ווייזט אונדז דעם געהיימסטן וועג
ווי צו גיין ווי שטאָלצע מענטשן,
ווי עטישע יידן — אויפן וועג אין דער אייביקייט.

וויפל שורות העלפן צו דעם ליד

ערשטע שורה, צווייטע שורה — לעצטע?
וועלכער שורה איז יחוסדיקער?
ס׳איז גענוג אַ ברי דעם ליד ביים פליגל
סע זאָל אויפוואַכן צום ערשטן קריי
דעם אָנגעלאָף פון ווערטער, גראַמען,
זיך צעציקלען מיט טראָף און טראָפּ
אין פערלדיקער עקשנות פון ניגון.

די מיטעלע שורות זיינען איידעלע איידעמלעך.
זיי העלפן בלויז דעם ליד קריגן רגלים לדבר.

נשמה און פּאָעזיע

ווער ס׳וועט אַמאָל אויסגעפינען
וואָס סע איז אַזוינס נשמה,
וועט אויך שוין מסתמא דערינען
אַריינשרייבן (נאָך דער קאָמאַ)
דעם סימבאָלישן קנייטש ווו ס׳ליגט אויך
דער פאַרשטענדיקער פּירוש: וואָס איז פּאָעזיע.
אַזוי נאָך וועט ער האָבן אַלעמען באַגליקט,
אַלע סימפּאָזיומס באַזיגט, דעם לייענער באַגרינגט —
נשמה און פּאָעזיע וועלן פּראָסטעווען בפרהסיה!

דער פּאַטריאַרך יעקב

א

דער פּאַטריאַרך יעקב און די סוואַסטיקעס

טראַכט יעקב: עשום קינדער טשעפּען זיך ווידער.
וואַרפן שטיינער אינעם אַלטן פענצטער
פון יעקבס ליכטיק הויז.
און יעקב קוקט דורך אים אין דער אייביקייט אַריין.
כ'איז דער רייִנסטער פענצטער צעעפנט ליכטיק.

יעקב איז אַן אַלט פאַלק צווישן פעלקער.
ווי אַזוי פילט זיך אַן אַלט פאַלק ביי יענעם אויף דער עלטער?
עם טראַכט יעקב, וויי, וויי!
ס'איז די עכסטע צייט יעקב זאָל טין טון זיין געדולד אַ בריק
און זיך אַ לאָז טאָן מיט זיין שדי-געשריי:

לאָמיר זיך צערעכענען, און אַן עק זאָל דאָס האָבן!
גיט מיר אָפּ צוריק מיין חומש מיטן תהילים,
ס'גאַנצע האָב-און-גוטס אונדזערס גענומען במילא און בגזלה:
דעם משכן, די „גרין פאַסטשורס" מיט די יידישע געצעלטן —
און גייט זיך אייך בחרבכם ובקשתכם גייסטיק-נאַקעט-הוילע
אין דער מדבר אַריין, צו די האָטענטאָטן גייט געוועלטן!

און יעקב האָט ווידער געטראַכט:
ווײ, ווײ, איך טאָר דאָך אַפילו עשום אייניקלעך ניט שעלטן.
די גערעכטע זאַך איז — צונעמען דעם חומש מיטן תהילים
און אויסשרייען:
גיט אונדז אָפּ אַלע יידישע שאַלאַמויזן,
און בלייבט אייך מיט די בלוטיקע סאָלדאַטסקע הויזן...

ב

יעקב שמייכלט

יעקב שמייכלט:
און אַז עשום אייניקלעך
וועלן זיך קלאָמפּערשט מאַכן טאַמעוואַטע —
זיי ווייסן נעבעך גאָרנישט פון וואָס זאָגן,
וועלן כאָטש די קינדער פון יעקבס הויז
וויסן וואָס פון זיי צו מאָנען? וויסן וואָס איז זייערס?
עס שמייכלט שטיל יעקב. ער קאָן דאָס קוים פאַרטראָגן.

און וואָס וועט זיין אַז עשום שטאַם וועט זיך באַזינען
און נעמען צוריקטראָגן אונדזער פאַרמעגן פון באַגינען —
טאָפּלט, מיט פראָצענטן צו יעקבס קינדער אַלע?
וועלן יעקבס קינדער וויסן וואָס איז אייגנס און וואָס פרעמדס איז?
ס'קען זיי נאָך פאַרבלענדן דער פרעמדער קולט-סעקסעלענץ...
יעקב שמייכלט: די אייביק-יידישע ביטערע שאלה.

אָ חכמה, גורל, אין איין אמת־יידישער האַנט כאַטש
טו אריין דאָס געוועלטן פון די אַטאָמען־שטראַלן.
מאַך כאַטש דיין ישעיה־יורש מאַכטיק. געטרוי אים!
עס שמייכלט יעקב. זיין לעצט וואָרט צום בן־אָדם
זאָל זיין סינידיק: הערט איר, פעלקער, הערט!
ס'איז אָדער שלום, אָדער — תמות נפשי עם הגויים —

ג

יעקב שרייבט אַ בריוו

וועלט, יעקב מוז צו דיר שרייבן אַ בריוו.
נאָר וואָס פאַראַ אותיות זאָל איך נוצן ?
כ׳וויים ניט. כ׳בין צו לשונות סענסיטיוו.
זאָל איך דיר אירצן, צי זאָל איך דיר דוצן ?

מחמת אַ מאָל פיל איך זיך היימיש ביי דיר,
אַ מאָל — פרעמד און מבולבל ווי אַ נייער גר,
וואָס היט זיך תמיד מיט יעדן אייגענעם מאַניער ;
אַ מאָל גאָר קוידעריש — אַ צוגעקייטלטער ציגיינער צום בער...

כ׳האָב אַלצדינק געלערנט אויף דיין וועלט,
און איך מאַך עם פינקטלעך, אַקוראַט — יאַק אי טאַק,
אַזוי ווי דיר ווילט זיך, ווי דיר געפעלט.
צום סוף ביסטו נאָך אַלץ דער געקריוודעטער טשודאַק.

נאָר רק דו פאַרנודיעסט מיך מיט קלאָץ-קשיות:
אַמאַי און אַמאַי איך בין ניט פונקט ווי דו...
כ׳טרייב ניט קיין חזירים-טשערעדעס צו פּאַשעם
און אַט דאָס טאַקע רויבט דיר דיין רו.

עד. עד. יעקב זעט דאָך ס׳איז אַ מעשה אָן אַן עק
זיך דורכצושרייבן מיט עשום וועלט אויף טאָלק,
צערייסט ער דאָס פּאַפּיר און וואַרפט עס אַוועק.
— זאָל שוין גאָט זיך דורכשרייבן פאַר זיין פאָלק...

ד

יעקב טראַכט

עס וואַנדערט מיט די פינגער אין זיין באָרד
דער פּאַטריאַרך יעקב. ער זוכט קליגשאַפטן דאָרט.

ער זעט ענדלעך פּונעם קץ דעם לעצטן באַשייד —
ווי ווערן וועט די וועלט פול מיט פרייד.

ער׳ט זאָגן: עשו, אַט האָסטו דיר דיין בכורה צוריק
און הער אויף פלעכטן פאַר מיר די אַלטנייע שנאה־שטריק.

קאָנסט אויך האָבן דעם חומש מיט רש״י אפילו צום לאָבן,
נאָר וואַרף אַוועק דיין ביקס. אַן עק זאָל דאָס האָבן.

ווייסט דאָך — מיט מיר איז אַזוי: מורא פאַר דיר
כ׳קאָן שוין ניט האָבן — איך ווין אויף פּאַפּיר...

ה

יעקב איז ניט מיד

יעקב איז ניט מיד דער וועלט זיינע מחשבות גיבן.
זיי זיינען אויף אַלערליי אלף־ביתן קלאָר פאַרשריבן.

עשו האָט פאַרשניטן אַ בונד מיט אַלע מענטשנהאַסניקעס.
נאָר וואָס קענען דעם פאַטריאַרך שרעקן וויסטע סוואַסטיקעס?

אַל תירא עבדי יעקב! זאָג דער וועלט, דערציייל דאָס צו עשו:
איר קענט מיך ניט ברענען מער, כ׳בין דער אין־סוף...

איך זאָג דאָס פריי, אָפן, גלייבט מיר ניט אויפן וואָרט.
אדרבא, קומט! לאָמיר זיך באַגעגענען, פאַרמעסטן לעם סיני־אָרט...

אָדם - מענטש

אָדם, מענטש...

אָדם. מענטש, איך שטיי לעם דיר
און זאָג: חבר, הער, חבר!
אָבער ניט בלויז אָפּקומען מיט זאָגן
וויל איך עס, ווי אַ זאָג אַ הוילן,
וואָס פאַרשווינדט ווי אַלע זאָגעכצער,
ווי די פולע זיסקייט ביים אַראָפּשלינגען אַ לעפעלע האָניק.

מענטש, זיי ניט צו מיר ווי אַ גראַם אין אַ ליד,
ווי אַ מזוזה אויף אַ ביישטידל אָן אַ ייד.
זיי צו מיר ווי אַ קליין ציינדעלע קנאָבל,
צי גאָר באַטעמט ווי אַ פּסחדיק מרורל כריין,
וואָס פאַרגייט אין נאָז אַריין מיט חד־גדיא־טרערן!
נאָר בלייבן זאָלן מיר זיך פאָרט נאָענט, אייגן,
ניט דו, ניט איך — צעצווייאיקט און אַליין...

אַ שיסעלע ברוינע לאָקשן

אַן איינציק וואָרט האָט זי געוואָרפֿן
בייז צו אים אין פּנים אַריין,
און ס׳טאַנצט כּסדר ווי אַ דוואָרפֿן
אין וואַלדגעפּלעקטן זונענשיין.

ער איז אויפֿגעשפּרונגען ווי אַ גאַזעל,
דאָס שיסעלע לאָקשן אַ שטופּ געטון
און איז איינגעפֿאַלן אין זיין זעל,
געטראָפֿן ווי אַ וואַלפֿיש פֿון אַרפּון.

אַ שטיללעבן — דאָס שיסעלע לאָקשן
איז ספֿינקסיש שטיין געבליבן אויף לאַנג
אין זיין געמיט ווו ס׳איז דער עקשן
פֿאַרקראָכן אין אים ווי אַן עכאָ־דראַנג.

דאָס שיסעלע לאָקשן טרויערט אין אים אַזוי
שווין היפּשע יאָרן און עס גרוילעט.
אַ בילד פון רעמבראַנדטס שוואַרץ און גרוי —
אַן אָפּן אויג רעדט שטיל און בולט.

ער הערט אַ מויל. ער זעט דעם טיש.
ער פילט אין זיך נאָך יענעם עקשן,
וואָס האָט צעבראָכן אָט דעם געמיש —
און ספינקסיש קוקט דאָס שיסעלע לאָקשן...

דו, זילבער־פוקס פון יידיש־ליד...

פאַר גלאַנץ־לעיעלעס

דו, זילבער־פוקס פון יידיש־ליד,
מיט פרייד פון ריטעם און סימעטרי ;
ביסט פון יידיש־וואָרט געבריט,
פאַרשמידט אין אָקטאַווע און קווינטעטרי.

דו, זילבער־פוקס אויף וואָרטגעבערג,
אין שפרונג געניט צו הירשן־גלייך,
אין גאַלאָפּ אויף אות־געצווערג —
שׂר פון פּאָעטיק אין ליד־קיניגרייך.

עס רעדט דער וואַלד־פּייזאַזש אין דיר,
כ׳וואָלט געשווירן : אַ דיבוק רעדט מיט דיר
אַרויס פון דיר : ליד, ליד — ניט אויסצוהיילן
ווי דיין יוגנט־שטאָט לאָדזש, ניט אָפּצוטיילן
דיין אימאַזש איז קלאָר : ניטאָ קיין לעריקע ;
דו ביסט ייד, פּאָעט, ניו־יאָרק — אַמעריקע.

די יידישע קאַפּעליע

דער ריזשינער שפּילט אויף דער פידל
און די וועלט ברענט אַטאָם-צעהעלט;
ער שטייט אויף דער שוועל לעבן ביישטידל
גלייך מיט דער מזוזה — אַ בריה אין פלאַם.

רב ישראלטשע שפּילט איידל, אין גאַנצן פאַרדבקה'ט,
דאָס פייער ביזן הימל — שרפהדיק לשון!
די פלאַמען —
דם ואש ותימרות עשן.

דער קאָצקער, דער בייזער ר' מענדעלע, שפּילט אויף אַ באַס,
ס'איז איין פייערדיקע גלאָווניע די קאַפּעליע;
ס'איז גיהנום — גן-עדן, ס'איז ליבשאַפט און כעס,
עס צאַפּלען זיך וועלטן, אַט פאַלט איין די הימלישע סטעליע!

אוי, ריזשינער, לאַדיער און קאָצקער — דער דריילינג
טוט פידלען, פלייטלען, באַסעווען און פּאַסעווען
אַלע רווישיקע פייערן די יידיש-פאָלקישע, וואָס זייליק
שטייגן זיי, מייליק שוועבן זיי אויף וועלט און כעסעווען.

דער שפּאָלער זיידע און דער אַפּטער רב

איך זע אַ פּאַרצייטיקע קרעטשמע ווייסער פון שניי.
עס זיצן אין איר דער שפּאָלער זיידע
און דער אַפּטער רב. זיי ריידן צווישן זיך גוייש:

„יאַ טעבע ליזבלוי, האַרציקער טאַטע,
אַ טי מינע ני ליוביש, ני.
אוי באָזשע, באָזשע, כ׳וואָלט גיין אין בלאָטע,
גיין פאַר דיר ביז די קני —
אפילו מיט מיין שבתדיקער קאַפּאָטע”.

„אי יאַ טעבע ני דוראַק”
ענטפערט אָפּ דער אַפּטער רב.
כיבע טאַק צי ני יאַק
דער שטן איז שקר ושוא!

איך וועל פאָרן אויף אַלע יאַרידן,
אַבי צו זיין מיט לעבעדיקע יידן"...

— איי, שפּאָלער!
— וואָסי, אַפּטער?!
— שוין צייט אַראָפּברענגען משיחן.
— דו מיינסט טאַקע צו באַווייזן,
אַז ביידע וועלן מיר עס קענען?
אין מיטן דרינען האָט די קרעטשמע גענומען ברענען...

דער בראַצלאַווער רייט אויף אַ פערד

ר׳ נחמן בראַצלאַווער רייט אויף אַ פערד
און הירש לעקערט קוקט פון דער ערד.

דאָס פערד ר׳ נחמנס איז אַן אָדלער — ס׳פליט.
סע ווייסט עס טראָגט אויף זיך אַ גוטן־ייד.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז אויך אין דערמיט.
דריי יידן ביי יידן פון לאַנגן אַמאָל —
זיי נעמען מיך אריין אין זייער גרינעם טאָל.

איך בין דער ייד פון אַל־לעצט געשעען,
קענן מיין ביכערפאָלק — אַ קלאַנג, דער רעפּרען.

כ׳בין פון גאָלע פלאַגן דער דור־הפלאָג,
פון יידיש — „דער ביינאַכטיקער דיאַלאָג".

דריי יידן ביי יידן פון לאַנגן אַמאָל —
זיי נעמען מיך אריין אין זייער גרינעם טאָל,
און צוזאַמען מיט זיי איך לעב איצטיקס־מאָל.

אַ פּאַרצווייפלטער ייִד לייענט שלום־עליכם

אַ ייִד איז אָנגעלאָדן מיט אַלע אימה׳ס און גרויל׳ן:
דער גאַנצער הכּל הבל איז אים היינט באַפאַלן,
בייזע רעיונות וואַיען אין אים,
ווי הונגעריקע שאַקאַלן.

ער האָט שוין דורכגעשפּילט די בעסטע סימפאָניעס אויף ראַדיאָ,
די טעלעוויזיע אַדורכגעדרייט אויף אַלע פיר זייטן,
געטראַכט פון פּרקי אבות, פון בעש״ט און דעם גאון סעדיה.
דעם יידנס געמיט — אַ דעמער וואָס רוקט זיך פון פלאַמיקע ווייטן...

זיין הויכע שראַנק — אַן איינגעזאַמלט ביכערפאָלק — שטייט,
נאָר ער אין זיך פאַרבלאָנדזשעט איז — אַ שוועבלדיקער דאָרטן.
ס׳וואַנדערט זיין אויג איבער רוקנס פון אַ לאַנגער קייט —
ווערק לעם ווערק. ער דערבליקט אַ בוך — אַ פריידיקער באָרטן.

ער ווערט מיט דעם מיט זיין אַלגעביין פאַראַנקערט.
ער לאָדט זיך אויס. ס'איז גרינג געוואָרן אים זיין אומעט:
איי, ווען שלום-עליכם זיין דאַנק איצט הערט —
דעם דאַנק פאַר אויסשפּאַנען אַ ייד פון אימה-כאַמעט.

ה. לייוויק

יסורים נעמט מען ניט אויף זיך מן הבחירה —
זיי קומען גיכער ווי אַ געמיט־באַווייז
אַז אינערלעך ווײַנט עס ווי אויף אַ לירע —
עס קלאַגט געפיל זיך אין זייער קרייז.

דו ביסט געווען דער גערעכטער באַדן
פֿאַר עקדות. ווען די האַק און די קייטן
משיחדיק געקומען פֿאַר דיר זיך לאַדן,
האָסטו, אַנשטאָט אַנטשיידן, אין גרייטן

חיוב זיך איינגעשפּאַנט — אַ שולד־קרבן
וואָס לאַנג געוואַרט אויף דעם געשען;
אַ מאָטיל אין בלענד אַרום פֿלאַם, דערוואָרבן
זיך דעם איך־געפֿיל פֿאַרן ליכט־נם אַליין...

ווער נאָך דערוואַרט פֿון צוקומדיקע פּאָעטן,
אַז אויך זיי זאָלן אין ווײַ מישטיינס געזאָגט,
פֿילן דעם טעם לויט דײַנע יסורים־קאָמפּלעטן? —
אויסגעפּייניקטער מיט טויטן און אומקום־געקלאָגטן.

אָנגעהויבן האָסטו אַ געשמידטער אין קייטן, באַשר,
דו האָסט געוואָלט ממשיך זיין חלום ישעיהס;
אין איובס שטומקייט געענדיקט — יסורים־נאַשער!
אויך אַט־דאָס איז פאַר קיינעם ניט קיין נייעס.

שיינסט, לייוויק. כהן ווייסער — יסורים־מאַגנאַט!
צי זיינען מיר אַלץ פאַעטן נאָך דיין אָוועקגיין?
כ׳מיין פאָעטן מיטן דגוש איז דער פּ אַקוראַט —
ווי ווייסער וואָלקן שוועבט איבער מיר דיין געביין — — —

שיינקייט

די גרעסטע טענה איז צו דער
פּלאַסטישער קונסט — מאַלעריי.
עס שווימט דער בליק — אַ שיסל אָן אַ רודער;
קלאָץ-קשיות פרעגט מען ווי זידלעריי.

יעדערער פרעגט: מאי-קאַ-משמע-לן?
ווי ער וואָלט אַ מיסטיש מעשהלע הערן;
חלילה זאָל אים זיין, טאָמער זעט ער ניט דעם שאַבלאָן —
ס'אַלטע טייג, וואָס לויפט אַריבערן געיערן.

ס'איז שרייט: קאָליר-עפעקט און איידעלער דעסען
איז אויך ניט אַבי-וואָס; עס רעדט פאַר זיך אַליין;
בפרט שיינקייט, איז גאָר בעסער ווען זי שווייגט. בכן —
דאַרף מען זי צו ערשט ליב האָבן, דערנאָכדעם — פאַרשטיין...

לעצטע ווערטער

„די גאַנצע וועלט הענגט אויף אַ האָר פונעם מענטשנס לעבן..."

איך ווייס ניט, צי דאָס איז אַן אַלטע, צי אַ יונגע חכמה. קיין נפקא־מינה. ס'איז דעם אַלטן גאָט ישראלס. איי, איז דאָס אַן אַלטער, קלוגער גאָט. ער האָט זיך מצמצם געווען אין כולה חכמה, און אַלע חכמים, פּאָעטן, דאַרפן צו אים אָנקומען.

איך פּיל איצט ווי יונה: קלוגער גאָט, באַפעל מיר ניט צו שרייבן מער קיין לידער. ס'איז ביי מיר אַ צייט, וואָס איך דאַרף זיך פּאַרטיק מאַכן מיט דיר, אַלמעכטיקער. קיין אל צבאות ביסטו ניט. אפילו קיין איש מלחמה ניט. פּונקט ווי דיין אויסדערוויילט עם ישראל. אין מיין לעצטן טראַכטן איז מיר נתגלה געוואָרן, אַז אונדזער וועלט איז גרעסער פון זייערער... האַלטן זיי אין איין פירן מלחמות.

(נאָך אַ קורצע באַמערקונג: אָט האָב איך אַנימלט געלייענט יעקב גלאַטשטיינס אַ ליד. זאָגט דאָרט דער לעצטער פּערז: „איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג..." דאָס איז אַלץ גוט, ווען מען איז נאָך אַזוי יונג קעגן די ווינטלעך וואָס ווייען פון די „זיבעציקער". דאָס זיינען די זעלבע ווינטלעך, וואָס מיר פלעגן לאַכן פון זיי ווען מיר זיינען געווען באמת יונג... אָבער דאָס איז ניט קיין געלעכטער־פּערז. ס'האָט מיך אַ שטויס געטאָן צו גאָט. אָט צו דעם גאָט, וואָס ביי אים ליגט דאָס גאַנצע כל־טוב מיטן גאַנצן עשירות פון דער וועלט און אונדזערע יאָרן וואָס ער ציילט אונדז אויס פון זיין לינקער האַנט — אָט דאָס איז זיין גאַנצע שוואַכקייט — זיי

האָבן פאַרכאַפּט אַלץ און אונדז צוגעוואָרפן די צאַצקעדיקע וועלט...).

איז די זאַך די, גאָט, וואָס ביי מיר בלייבסטו דער אַלטער, קלוגער יידישער גאָט. דו האָסט מיר קיין שלעכטס ניט געטאָן, כאָטש איך, ווי אַ זלידנע פליג, האָב דיר גאָר היפּש דאָקוטשעט. איז לאָמיך אַ קוש טאָן דיין נאָמען פאַר מיין לעצטן שלאָף...

נו, די ליטעראַרישע אייביקייט. — כדאי צו ברענגען אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע, וואָס אני הקטן האָב געזען אין מיין באַשערטקייט: איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ חסידים־שטיבל. סע האָט מיך אַ צי געטאָן און איך בין אַריין. פיר זקנים האָבן געטאָן אַ וואָרף אויף זיך וואָלענע טליתים און איינגעוויקלטע געבליבן שטיין אַ זיבן — אַכט מינוט. ביי מיר איז דאָס אָבער געווען אַן אייביקייט, און איך האָב געזאָגט צו זיך: דאָס איז די אמתע אייביקייט. די יידישע אייביקייט, וואָס אין איר איז פאַרבאָרגן די יידישע מיסטיק — קבלה, דער דת, און דער פאַר׳דבק׳עטער חסידיזם — זיין נגינה און פאָלקלאָר.

אָט מיט דער אייביקייט וועל איך איינשוויגן מיין ווערטערדיק, לעצטיק טראַכטן.

מ אַ ט ע ס

מאַטעס דייטש איז געשטאָרבן דעם 16טן פעברואַר 1966, צען טעג נאָכן אָנשרייבן די „לעצטע ווערטער״.

אינהאַלט

ווי ווערסטו ווײַנען?

ווי ווערסטו ווײַנען, גאָט? 7
צײַט, לעבן, פּאָעט 8
די פּאַפּירענע בריק 10
רשע, צדיק, מענטש 11
ווי זאָמען און ווי רויך 12
צוויי פּאָעטן און אַ דזשעט 14
אָט אַזאַ איז דאָס יידיש ליד 16
ליד 17
אַ ליד מיט צוויי און צוואַנציק פּראָגעצייכנס . . . 18

ביכערפּאָלק

אַ ספרים־אַלמערל 21
גראָם, חלום, גאָט 23
אַ ייד לייענט 24
וואָס איז גרינגער, ווײַנען צי לאַכן 25
גראַמען 28
מוח מײַן 30
חסידים 31
בעסער און גרעסער 32
מיטן פּנים אַנטקעגן מײַן יידיש ביכערפּאָלק 33
צו זיך 35
אַבי דו ביי מײַן זײַט 36

דאָס קליינע ליד

דאָס קליינע ליד 39
אײן זילביק וואָרט 40

צום שטערן מאַרס 41
אַלץ — נאָר ניט פּאָעזיע 42
יידיש ליד 43
ווען... 44
ער און זיין ציגאַר 45
חרטה 46
אייביקייט 47
קידוש־השם 48
וויפל שורות העלפט צו דעם ליד 49
נשמה און פּאָעזיע 50

דער פּאַטריאַרך יעקב

דער פּאַטריאַרך יעקב און די סוואַסטיקעס 53
יעקב שמייכלט 55
יעקב שרייבט אַ בריוו 57
יעקב טראַכט 59
יעקב איז ניט מיד 60

אָדם — מענטש

אָדם מענטש 63
אַ שיסעלע ברוינע לאָקשן 64
דו זילבער־פּוקס פון יידיש ליד... 66
די יידישע קאַפּעליע 67
דער שפּאַלער זיידע און דער אַפּטער רב 68
דער בראַצלאַווער רייט אויף אַ פערד 70
דער פאַרצווייפלטער ייד לייענט שלום־עליכם . . . 71
ה. לייוויק 73
שיינקייט 75
לעצטע ווערטער 77